העפטל 2 2 פענס

# באמבעס איבער לאנדאן

שנת ה. תש״א. לאנדאן—ווייטשעפל.

א. נ. שטענצל.

---

## לופט-איבערפאל

סירענעס

רויב־פייגל מיט אכזריותדיקן געפלאַטער,
מיט שניידנדיקע, מיט שווערע פליגל־קלעפּ,
מיט שאַרפע דזשובעס, געשפּיצטע פאַראויס,
קרייזט עס געפיפן איבער אונזערע קעפּ.

ווי געשליפן, ווי פון ציינער געריסן,
שנעל אַריינצובייסן זיך טיף אינם געניק! — —
פונם פאַך פון די שווערע שוואַרצע פליגל
ס׳ווערט פינסטער אַזש אינם צעמישטן בליק!

אַ דערשראָקענע מוטער־שוואַלב איר שוועלבל,
אינם נעסטל צוקומען דערמיט געשווינד,
כאַפּט יעדע מאַמע, צום האַרצן טוליענדיק,
פון שלאָף אַרויס איר אויפצאַפּלדיק קינד.

און איז עס נישט קוים אַ שוואַך־נעסטל נעבעך,
פון אַ שטויבל, פון אַ זעמדל צוזאַמענגעקלעבט,
וואהין מיט האַרץ־געפלאַטער יעדערער לויפט,
קוים־מיט־צרות אַהינצוקומען מ׳דערלעבט?

אין „אַנדערסאָן־שעלטער“

חיות־רעות טשאַטעווען פון אַלע זייטן,
מיט פייפנדיק געוואָי, מיט ווילדן געהייל,
דאָס גיפטיק־צישנדיקע פון אַ בייזער שלאַנג
הערט נישט אויף מיט איר געפייף אויף אַ ווייל.

איז עס נישט מיט זיינע ברייטע לאַפּעס דער בער,
ער טאַפּט דרויסן שטיל די גלאַטע ווענט אַרום?
אָדער איז דער הונגעריקער טיגער גאָר
וואָס קומט אַלץ נענטער מיט אויסטערליש געברום

פון מינדסטן שאָרך, פון שאָטנדיקסטן באַוועג,
פון אייגענעם טיאָך — ס׳האַרץ ווערט אויפגעשרעקט!
אויף פינסטערע וועגן, אויף זיין בויך געקראָכן
דער שאַקאַל דאָס וואַרעמע בלוט שוין דערשמעקט.

אָ, נישט חיות־רעות אין ווילדע וויסטענישן,
אַן אַראָפּלאָזנדיקער שפּאַרבער פון וויסטער הויך —
מענטשן! אין מיטן שטאָט!! די בייסנדיקע בושה — —
ס׳איז ווי אַ רויב־פויגל וואָלט געפּיקט שוין אין מוח.

באָמבעס
(פייף־באָמבעס)

ס׳איז דער ערד־קיילעך אַזאַ הוילע נוס,
אינעווייניק אַ וואָרעם טאָטשעט אָן־אויפהער,
די ווייסע יאָדרע שוין לאַנג אַ צעפרעסענע,
נישט אַ דאָס־אָ ס׳איז געבליבן פון איר מער —

צומאָל דער וואָרעם שוין אַרויסגעקראָכן!
וואָס איז דען צו זוכן אין אַ לײדיקער שאָל?
די פאַלנדיקע באָמבעס, די צעפּיפענע,
אויף איר הוילקייט ס׳צעפּייפט זיך ווער מיט אַמאָל — — —

(צינד־באָמבעס)

נישט סעפּטעמבער־שטערן פאַלן פון דער הויך,
הערצער אָנצוצינדן אין גליאיקן סוד —
אויפגעלויכטן ס׳איז דער גאַנצער הימל,
פון פייער־באָמבעס וואָס פאַלן איבער שטאָט.

און דו, וווּ ביסטו באַהאַלטן ערגעץ אַצינד?
אין מיין האַרץ ס׳איז פאַרבאָרגן אַ סוד אַזוי גרויס,
ווי דער גאַנצער פינסטערער הימל וואָלט געווען,
אַ פולער מיט פאַלנדיקע שטערן בלויז —

„אָל־קליר״

צו צוויי פינגער אין מויל אַריינגעכאַפּטע,
און זיך צעפּיפן אויף וואָס די וועלט שטייט,
פון אַזאַ פרייד ראַפּטים אָן אַרומגענומענע,
ווען זידיק פון פולן האַרץ ס׳איבערגייט;

אַ דורכגעשניטן דורך געדיכטע פינסטערניש,
דערטאַפּט ער זיך מיט שטייניקן גלאַט פון ווענט — —
מיט איר האַרץ־קלאַפּעניש פון אַ גאַנצער נאַכט,
דעם אָנוואַרטנדיקן פייף זי דערקענט;



אַזוי רייסט זיך דער קלאָרער סירענען געפייף,
מיט אַזאַ פרייד אין יעדן האַרצן אַריין — —
שטייט ער נישט דרויסן אונטער פינסטערן פענסטער,
ווו וועלט האָט אַן עק זיך צולאָזן מיט איר אַליין?

עס עפנט זיך ליכטיק ווידער די וועלט אויף,
מיט אַזאַ געמאַכטע וואַרע ווייט און ברייט,
כאָטש צו כאַפּן צו צוויי פינגער אין מויל אַריין,
און זיך צו צעפייפן אויף וואָס די וועלט שטייט!

„טיים״־באָמבעס

ווי ס׳פייפט מיר דאָס אין די אויערן, אין די שלייפן:
ליגט נישט אַ צייט־באָמבע ערגעץ־ווו דאָ אינם הויף?
אַן אָנגעצויגענער זייגער אַזאַ קלאַפּט מיר דאָס האַרץ —
אָט־אָ נאָך אַ רגע, נאָך איינע און ס׳רייסט אין מיר אויף!

דער געבליבענער פּחד אין די דערשראָקענע אויגן,
דאָס טרעשטשען אינם טרייסלדיקן געביין:
ציטערט נישט אויף דאָס שכנישע הויז, זעקס גאָרנדיק,
און מיט אויסגעבראָכענע פענסטער בלייבט עס שטיין?

ווי מאָוויימדיק, ווי פינסטער אויסגעלאָשן,
ליידיקע אויגן־לעכער אין דערשראָקענעם בליק!
ווי ס׳פייפט מיר דאָס אין די אויערן, אין די שלייפן:
איז דאָס וואָיענדיקע קרייזן נישט ווידער צוריק?

אָ, מיר וועלן זיך צוזאַמענפייפן אויף די פינגער,
ווי די רוצחים אונטער פענסטער — ווען ס׳מוז זיין!
ס׳איז אונזער צייט, אַזאַ פולווער אָנגעפילטע,
אַ פאַרבאָרגענע באָמבע יעדע רגע אויפצוגיין.

# לבנה-נעכט

די באַלאַדע געווידמעט מיין חרוב געוואָרענעם געסל, וועלכעס איז מיר געווען אַזאַ באַשערטע היים, אַז די גאַנצע שטאָט דאָ איז מיר געוואָרן אַ היימישע, נאָנטע.

די שטאָק־פינסטערע נעכט זיי וואַרפן אָן אַזאַ שרעק
און נאָך מערער אַ סך — די לבנהשע ליכטיקע !
אַז אַ פיצל־וואָלקן נישטאָ ווו זיך צו באַהאַלטן,
איז פון גרויס מורא די לבנה אַ געל־זיכטיקע.

פון איר אַמאָליקער אימה, פאַר די פלעדער־מייז,
זיי זאָלן נישט פאַרקאָלטעווען זיך אין אירע לאָקן,
זייט דעמלט זי האָט דאָס איר פליך באַקומען,
און אַ צעקנייטשט פנים פון אַ בלאַזשן, אַ זקן —

אָ, אירע פאַראָפּעטע אויגן, די באַבעלעמטע,
זיך אָנצוטון כאָטש אַ פּאָר פאַרקאָפּטשעטע ברילן !
און ווי זי ציטערט דאָס און ווי זי פאַרקריכט זיך דאָס
זייט דעמלט פאַר יעדן מינדסטן הינטישן בילן — —

אָבער וואָס איז שוין דען איר אַמאָליקער פחד,
אַנטקייגן אירע איצטיקע געוואַלטיקע שרעקן ?
וואָס זיינען פינסטערע פלעדער־מייז קייגן באָמבערס,
וואָס קומען געפלאַטערט פון אַלדע בייזע העקן ?

און אפשר איז איר פנים אַ פאַרשטעלטס נאָר אַזוינס,
פון אַ שפּיצל אַ שפּיאָן, אַן אונטערהערער ?
סוף־זומער פליגן, זלידנעדיק אַרום דער נאָז,
די צעזומטע באָמבערס וואָס קומען אָן אַלץ מערער !

כאָטש אַ בויגן פליגן־פּאַפּיר איצט צו נעמען,
די פולע לבנה דערמיט צו פאַרקלעבן —
אין פינסטערע פחדים, אין נעכט אַזעלכענע,
ליכטיקן טאָג צו קענען ווידער דערלעבן — —

— — — — — — — — — —

אָ, אין איין נאַכט די הייזלעך אין מיין געסל,
ווי צו קידוש־לבנה זיי זיינען אויפגעשפּרונגען — —
אָדער גאָר ס׳טעלערל פון הימל אַראָפּצונעמען,
ס׳האָט זיך זיי פאַרוואָלט — און ס׳איז נישט געלונגען !



# ברענענדיקע גאַסן

ברענענדיקע גאַסן

ווי לאַמטערן מיט צעבראָכענע שייבן,
וואָס זייערע ליכט לעשן זיך אין ווינט,
שטייען אַרום די רויכעדיקע הייזער,
צאַנקנדיקע, מיט קאָפּטשענדיקן געצינד.

דער סמאָנט אין די גאַסן ברענט אויס די אויגן,
אַזש די טרערן גיסן זיך פון אַליין !
דער אויסגעשטערנטער סוף־זומער־הימל
איבערלאָפן מיט אַזאַ קרענקליכן שיין.

כאָטש נעמען אַזאַ ברענענדיקע געביידע,
שטיקנדיק־אויפפלאַקערדיק מיט שטאָק אויף שטאָק ! —
נאָך איידער איינגאַנצן זי לעשט אויסעט.
זי אויפהענגען אויפן לבנהשן האָק.

זעט : אָט איז ער, אָט שטייט ער, אָט לויפט ער,
דעם אונטערצינדער ס׳קאָן יעדער אַצינד זען !
אַז לעצטער פונק שוין אויסגעצאַנקט ס׳וועט זיין,
ווער ווייסט דעמלט וואָס אין פינסטער ס׳וועט געשען — — —

„כאַפּט דעם רוצח !!“ ער אַליין גאָר וועט׳ס שרייען ;
און אונטער געבליבענער פאַרקאָפּטשעטער וואַנט,
אויפרויכערן פון פאַרגאָסן זידיק בלוט,
ס׳וועט דאָס מעסער, טריפנדיק אין זיין האַנט.

קאַנאָנען־„באַראַזש“

אַזאַ הילכעדיקע פויק איז די נאַכט
איבער איר — אונזער הויט איז געשפּאַנט !
עס הילכט און הילכט אָנאויפהער אַזוי,
נישט מיד ווערט די פויקנדיקע האַנט.

ס׳שיטן זיך סוף־זומער שטערן פאַלנדיקע,
פון באַראַבאַנס ווירבלדיקע געקלאַפּ ;
גליעדיקע שרויטן פון שראַפּנעלן
ס׳געשיט פון אונזערע הויטן אַראָפּ —

דער פולער אַרום מיט פינסטער געהילך,
זאַמלט ווי איינעם אַלעמען צוזאַם !
אַלץ שטאַרקער און שנעלער דאָס געפּויק,
צו צעפּאַכען דאָס שטיקעדיקע געפלאַם — — —

איז נישט די מעשענע טאַץ איבער דער פויק,
די פולע לבנה אויבן אין דער הויך ?
זי פאַלט אַריין מיט געגלאַנץ, מיט געקלאַנג,
אין דעם צעפּלאַקער פון געהילכן און רויך ?

ניין, ס׳איז אַ באָמבער, אַ ברענענדיקער,
ער פאַלט דורך די לופט מיט צישנדיקן ספּיראַל !
און מיר אַלע צום טאַקט מיר פלאַצן אַרויס,
אַ קאָר אַזאַ אין אַ טעדעאום־כאָראַל.

פון די פלאַמען אַרויס

יענעם פויגל, יענעם וווּנדערליכן,
וועלכער פליט פון די פלאַמען אַרויס,
איך זע אים אַצינד, אַ פלאַטערדיקן,
איבער יעטווידן ברענענדיקן הויז.

אַלץ העכער, אַלץ שימערנדיקער,
ווי זילבריק־קונציק ער קרייזט דאָס אַזוי,
וווּנדערלעך־דורכזעעוודיק, פאַרשווינדנדיק,
דורך נעפּלדיק, דורך וואָלקנדל־גרוי —

אָנצוקומען ערגעץ־ווו, ערגעץ־ווייט,
אַ פּאָטשט־טויב מיט אַ צעטעלע אין דזשוב !
אפשר גאָר פון צעבלעטערטן טיש אַראָפּ,
פון מיין אין רויך, אין שטויב, אויפגעגאַנגענער שטוב.

אין מיין געסל די ווייַנענדיקע פרוי, —
פון אַלץ־מיט־אַנאַנד — מיט ליידיקע הענט !
ווי זי שטייט דאָס אַ פאַרחושכטע אַזוי,
ז׳וואָלט געווען איינע פון די געבליבענע ווענט.

אָ, וואָלט איך געקענט צוגיין צו איר,
יענעם וווּנדער־פויגל איר ווייזן, ווי ער פליט — —
יאָ, נישט פאַר שלעכטע בשורות — פאַר גוטע !
האָט ער זיך אין געגלי פון מוחות אויסגעבריט. — — —



# באָמבעס איבער לאָנדאָן . . .

1

אויסגעוואַקסן, לעבעדיקס פון לעבן געבוירן,
ביסטו געוואַלטיק מיט דיין איצטיקן געשטאַלט,
ס׳איז נאָר מאָזאַליש פאַרהאַרטעוועטע הויט אַזאַ,
מיט גאַסן און סקווערן געגאָסענער אַספאַלט.

די קייבלס, די קאַנאַלן, די רינען, די רערן
ס׳איז דיין פאַרפלאָנטערט־פאַרקניפּט אינגעווייט :
אָ, מיט אַלע דיינע מיקראָפאָנען, אַנטענען
ווי אויסגערעכנט, ווי שפּאָרעוודיק דיינע רייד.

און אויטאָס און באַסעס און טראַמווייס און צוגן,
אונטערערדיש, איבער־ערדיש, איבער געביי —
ס׳איז צום האַרצן צו, דאָס ציען זיך, דאָס דריוולען זיך,
געוויקלט און געפלעכט פון דיין אָדערן געדריי.

און ווער מען אַ שטעקן צווישן רעדער דיר שטעקן,
ר׳וועט ווערן צעבראָכן אין דיין שנעלן געשווינד !
ס׳זיינען די אָקעאַנען דאָס בלוט דיינס,
דיין אָטעם — דער כסדרדיקער שטורעם־ווינט !

יאָ, ווי ביים העלד געבליבענער שראַם אויף פּנים,
פון זיין גבורה גאָר ס׳איז העלדישער באַווייז,
אַזוי־אָ בלייבט העלדישער סימן נאָר,
פון יעדער געטראָפענער באָמבע דער אויפרייס.

2

אַ טויזנט־יאָריקע, אַ טשערעפּאַכע אַזאַ,
וואָס דערהערט די רויב־פייגל איבער איר קאָפּ,
אונטער איר פּאַנצער, איר האַרטן, זי פאַרקריכט זיך,
נאָך איידער זיי לאָזן זיך איבער איר אַראָפּ.

זיי קרייזן אַרום איר, זיי שאַרפן די דזשובעס,
די צינגער, די פאַרשלונגענע הענגען גרויס אַרויס :
ס׳איז צאַפּלדיק לעבן דאָרט — אַריינצובייסן ! —
אַ גאַנצער לייב ווייכע געדערעם בלויז — — —

זיי קרייזן אַרום איר, זיי שלייפן די דזשובעס,
איינעם נאָכן צווייטן זיי ברעכן זיך די ציין !
כאָטש רייס אינגעווייד וואַרעמס, צעצאַפּלטס,
פון אַ געוואַלטיק־ליגנדיקן קיזל־שטיין

און זי, די טשערעפּאַכע, די טויזנט יאָריקע,
רוט אַביסל אויס פון איר קריכנדיקן גיין —
איז נישט ווידער שטורעם־ווינט דרויסן ?...
שמייכלט זי זיך קלוג און איר גוידער אַריין

אָ, נישט נאָר אויף פּלעצער, ווייטע, באַזונטע, —
אונטער ענגען פּאַנצער קאָן עס אויך וואַרעם זיין ;
ווי גוט ס׳טוליען זיך דאָס די אַלטע ווייכע גלידער —
מ׳מוז נאָר געפּאַנצערט זיין אין אייגענעם געביין.

3

און ווען נישט דיין נשמה, לאָנדאָן, נישט דיין האַרץ —
דיין געוואַלטיקן כוח, אָבער, איך האָב׳ן דערקענט !
אינם בליק פון אַ מאַטראָז צו זיין מיידל,
און אינם צאַרטן דריק פון זייערע הענט.

נישט אויפרייס־באָמבעס קאָנען דאָס צעשטערן
און נישט פון קנאה קאָן דאָס ווערן באַזיגט, —
געבוירן געוואָרן אויף אויפברויז פון ים,
פון שטילע כוואַליעס געשטילט און פאַרוויגט.

און מיטן שטורעם־ווינט געוואַלטיק געוואַקסן !
גרויזאַם אַזוי ווי ער, ווי ער אַזוי שטאַרק !!
דאָס גראַניט פון דיינע גאַסן, דיינע סקווערן,
ווי זיין צאַרטע ליבע, ווי זיין ברייטער קאַרק.

דיינע הייזער, דיינע שפּייכלערס, דיינע סקלאַדעס,
איבער דער טעמזע די פאַרוואָרפענע בריק,
ווי זיי צוריק אויפצובויען, מ׳קאָן זיי צעשטערן, —
אָבער נישט אַזאַ געשטילטן וויגנדיקן בליק !

און ווען דו פאַרגייסט דיך מיט ליבע־ליד, לאָנדאָן,
דאָס האַרץ אין־איינעם ווערט פול מיט ציטער צו דיר,
אַז דיינע מאַטראָזן־געזאַנגען צעהילכן —
פונם אויפברויזנדיקן בלוט צעשפּרינגט עס שיער.

געדרוקט ביי י. נרודיצקי, 131־129 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, איסט.